# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת טהרה | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידותא

**זאת תהי' תורת המצורע.** בילקוט (רמז תקנ"ט) איתא זאת תהי' תורת המצורע תהי' בהוייתה תהא וצ"ב.

ותירץ **כ"ק מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע** (בדרשת פתיחת הזמן תשכ"ג לתלמידי הישיבה) דאפשר לומר כי בא לרמז כי עיקר תכלית התורה היא אם גם בביתו הוא מתנהג על פיה בכל דרכיו ומעשיו, כי רק באופן זה יש קיום והויה לתורה שלמד בבית המדרש, משא"כ אם בצאתו חוץ לכותלי ביהמ"ד אינו מתנהג עפ"י הלכה, אזי הורדה היא לקדושת בית המדרש שהרי אין קיום לתורה זו.

וזה רמוז בדברי הכתוב **זאת תהי' תורת המצורע**, הוא האדם המנוגע בתחלואי הנפש, **ביום טהרתו** שהוא בא ליטהר ולעשות תשובה, תנאי הוא הדבר תהיה בהווייתה תהא, כלומר שיעשה הויה וקיום לתורתו ע"י שיתנהג בביתו ובכל מקום בואו על פי התורה שלמד.

## דרש דרש

**זאת תהי' תורת המצורע ביום טהרתו והובא אל הכהן ויצא הכהן אל מחוץ למחנה, וראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע:**

דער **נועם מגדים** זי"ע זאגט א וואונדערליכן טייטש ע"ד מוסר אויף די פסוקים, ווייל די גמרא זאגט **המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו** אז ווען איינער איז מעביר על מידותיו ער ענטפערט נישט צוריק ווען מען באליידיגט אים, איז מען אים מוחל אויף אלע עבירות. און א מענטש וואס ער איז מעביר על מידותיו איז אין א בחינה פון א כהן, וואס איז **אוהב שלום ורודף שלום**, און האלט זיך זייער שטארק איין אז ער זאל נישט גורם זיין קיין מחלוקת, וואס דאס איז די מדה פון אהרן הכהן.

עס שטייט אין **חובת הלבבות** אז ווען איינער פארשעמט א צווייטן גייט אריבער אלע זיינע מצות פאר יענעם וועמען ער האט פארשעמט, און ער נעמט איבער יענעמס עבירות. איז דאס פארשטענדליך אז די מצוות וואס דער וואס פארשעמט גיט איבער פארן צווייטן זענען די אלע מצוות וואס ער האט געטון ביז היינט, איידער ער האט יענעם פארשעמט, ווען ער איז געווען ערליך און אפגעהיטן, אט די מצוות גייען אריבער, ווייל די מצוות וואס ער טוט שפעטער נאכן טון אזעלכע גרויסע עבירות, זענען שוין שוואכע מצוות, און האבן נישט צופיל ווערד.

דאס זאגט דער פסוק **זאת תהי' תורת המצורע** דאס זאל זיין מיט די תורה פונעם בעל לשון הרע, מצור"ע מאכט מוציא רע, **ביום טהרתו** די תורה וואס ער האט געלערנט ווען ער איז נאך געווען ריין איידער ער האט געזינדיגט, דאס וועט נישט בלייבן ביי אים, נאר **הובא אל הכהן** דאס ווערט איבערגעגעבן פאר דעם וואס פירט זיך אויף ווי א כהן, ער שוויגט און ער איז מעביר על מדותיו. און נאכמער **ויצא הכהן אל מחוץ למחנה**, אויב דער איד וואס ווערט אנגערופן כהן איז אמאל ארויס מחוץ למחנה הקדושה, ער האט געטון עבירות, אבער יעצט ווען ער איז געווען א מעביר על מדותיו **וראה הכהן** וועט דער מענטש זעהן והנה נרפא אז ער איז אויסגעהיילט געווארן זיינע עבירות ווייל עס איז מעבירין ממנו על כל פשעיו.

*

**כי תבואו אל ארץ כנען ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם**, הה"ד אך טוב לישראל אלקים לברי לבב: זאגט דער מדרש **יכול לכל, ת"ל לברי לבב**, פאר די וואס זייער הארץ איז געזונט אין מצות.

דער רבי **הברך משה** זי"ע פארענטפערט דעם מדרש מיט די ווערטער פון **הגה"ק רבי שלמה קלוגער זצ"ל** אין ספר **גבורת שלמה** (פ' שלח) עה"פ **אפס כי עז העם היושב בארץ והערים בצורות גדולות מאד**, זאגט רש"י בצורות, תרגומו **כריכן, לשון בירניות עגולות.** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האבן די מרגלים געמיינט מיט דעם וואס זיי האבן געזאגט אז עס זענען דא ברניות עגולות, רינדיגע פאלאצן? נאר חז"ל זאגן דאך אז נגעי בתים איז א בשורה טובה פאר אידישע קינדער ווייל די אמוריים האבן באהאלטן אוצרות מיט גאלד אין די ווענט פון זייערע הייזער, און דורכן נגע האט מען צעווארפן די הייזער און מ'האט געטראפן די אוצרות.

## מעשה רב

### דער צדיק הדור זאגט!

עס איז אמאל אריינגעקומען א פרוי צו **הרה"ק רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע** מיט א ביטערליכן געוויין, אז מען האט אוועקגענומען איר זון אין מיליטער, און זי האט געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל באפרייט ווערן.

עס איז דאן געגאנגען פרשת מצורע, האט דער רבי רבי מאיר'ל געזאגט "עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה **וידבר ה' אל משה לאמר, משה** מיינט מען דעם צדיק הדור, ווי דער זוהר הק' זאגט **אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא**, אז די בחינה פון משה רבינו איז דא אין יעדן דור ביי די צדיקים. **וידבר ה'**, דער אייבערשטער זאגט פארן צדיק הדור, **לאמר**, אז ער זאל זאגן זיין מיינונג אין יעדן ענין.

"דעריבער זאגט מאיר'ל **זאת** די צרה, **תהי'**, זאל זיין די עצה, **תורת המצורע**, אז דאס קינד זאל קרעציג ווערן, און ער זאל באפרייט ווערן. אבער ביום אינעם טאג וואס ער ווערט באפרייט, טהרתו, זאל ער צוריק געזונט ווערן.

### מילי דרמיזא

**יגלח את כל שער ראשו את זקנו ואת גבות עיניו:**

דער כלי יקר זאגט אז א נגע קען קומען אויף דריי עבירות, אויף גסות הרוח, לשון הרע, צרת עין, איינער וואס איז קארג און גיט נישט קיין צדקה.

דעריבער האט מען געדארפט אפשערן שער ראשו, וואס דער ראש ווייזט אויף גאוה, אז ער וויל זיין דער ראש, די בארד וואס איז ארום די מויל וואס האט גערעדט לשון הרע, ואת גבות עיניו, ארום די אויג וואס איז 'צרת עין' ווייל ער איז געווען קארג פון געבן צדקה.

אין מס׳ **נגעים** (פי״ב מ״א) זאגט די משנה אז א רינדיגע הויז איז נישט מטמא. ממילא דאס האבן די מרגלים געוואלט אפרעדן אידישע קינדער אז זיי וועלן נישט טרעפן די אוצרות וואס די אמוריים האבן באהאלטן ווייל אלעס ליגט אין רינדיגע הייזער וואו עס גייט נישט אן די הלכות פון נגעי בתים עכ״ד ודפח״ח.

זאגט דער רבי אז מ׳קען צוליגן אויף דעם ווייל ביי א רינדיגע הויז איז דא פארשידענע ספיקות אין די הלכה, ווייל אין מס׳ סוכה (ז׳ ע״ב) קריגן זיך די חכמים צי **סוכה עגולה** איז כשר, אזוי אויך זאגט די גמ׳ אין סוכה (סוכה ג׳ ע״א) אז א **בית שאין בו ד׳ על ד׳ פטור מן המזוזה ומעקה ושאר מצוות**, און די **ראשונים** קריגן זיך ארום ביי בית עגול וואס האט נישט אינדערמיט קיין ד׳ על ד׳ נאר דורך א צירוף אויב עס איז מחויב במצוות צי נישט (עיט״ז או״ח סי׳ תרל״ד סק״ב). ממילא קען זיין אז דאס האט די מרגלים געמיינט צו זאגן אז אין ארץ ישראל איז דא רינדיגע הייזער, כדי אפצורעדן די אידן אז אין ארץ ישראל וועלן זיי האבן אסאך ספיקות אין די הלכות אין קיום המצוות און מ׳וועט נישט קענען געהעריג מקיים זיין די מצות ה׳.

דאס זאגט דער מדרש **כי תבואו אל ארץ כנען ונתתי וגו׳ הה״ד אך טוב לישראל**, אז דאס ענין פון נגעי בתים איז **אך טוב לישראל**, ווייל דורכדעם וועלן זיי טרעפן די אוצרות, אויף דעם זאגט דער מדרש **אלקים לברי לבב**, דאס זענען די אידן וואס **לבן בר״י במצוו״ת**, אז דער פסוק זאגט צו אז זיי וועלן טרעפן אין ארץ ישראל עקעדיגע הייזער וואו מ׳וועט קענען געהעריג מקיים זיין די מצוות, און נישט קיין רינדיגע הייזער וואס האט אסאך ספיקות בהלכה. און נישט ווי די מרגלים האבן מוציא שם רע געווען אויף ארץ ישראל.

# בפרדס הפרשה

## צדיקים מהפכין מידת הדין למידת הרחמים

די פארגאנגענע וואך אין **דרש דרש** האבן מיר געלערנט ווי אזוי צדיקים זענען מהפך פון דין צו רחמים דורכן אויסדרייען די אותיות. אין די בחינה טייטשט דער **ייטב לב** זי״ע (ר״פ מצורע) דעם מאמר חז״ל (ב״ר פל״ג ס״ג) **צדיקים מהפכין מדת הדין למידת הרחמים**, אז צדיקים זענען בכח איבערצודרייען דעם מידת הדין דורכדעם וואס זיי זענען מצרף די אותיות פונעם דין און מען איז דאס מהפך אויף רחמים. וועלן מיר דא לערנען נאך עטליכע מימרות פון **ספרי קודש** ווי אזוי צדיקים האבן א כח ממתיק צו זיין דינים דורכן מצרף זיין די אותיות פון מידת הדין לרחמים.

א) דער **רבי זי״ע** טייטשט אין **דברי יואל** (לש״ש ע׳ רע״ז) אויפן פסוק אין די וואכענדיגע סדרה **כולו הפך לבן טהור הוא**, ווייל די גמ׳ זאגט **אין בן דוד בא עד שתתהפך כל המלכות למינות, אמר רבא מאי קראה כולו הפך לבן טהור הוא.** ווייל דער ספרי טייטשט **בגוי נבל אכעיסם, אלו הכופרים בהקב״ה**, קומט אויס אז א מין ווערט אנגערופן נבל, דאס איז פשט **״כולו הפך לבן**, ווען דאסווארט לבן ווערט אינגאנצן איבערגעדרייט אויף **נבל** ד.ה. מינות, איז א סימן **טהור הוא**, און עס איז דער זמן פון די גאולה שלימה.

ב) דער **אריה״ק** (ליקוטי תורה טעמי המצוות פ׳ ויראו) טייטשט **ה׳ יסעדנו על ער״ש דו״י, כל משכבו הפכת בחליו**, ווייל א מחלה קומט ווען עס איז דא דין, וואס דאן גייט אוועק דער אור החכמה וואס דאס איז דער אות **יו״ד**, און עס ווערט איבערגעדרייט אויף **דו״י**, אזוי אויך **י׳** איז **עש״ר** און דאס ווערט איבערגעדרייט אויף **ער״ש**, **ער״ש דו״י**, און ווען השי״ת העלפט איז **ה׳ יסעדנו על ער״ש דו״י**, דעמאלטס **כל משכבו הפכת בחליו**, דער **משכב** דער **ערש דוי** ווערט איבערגעדרייט צו **יו״ד עשר**, ווען דער אור החכמה קומט צוריק.

ג) **תוספות** (ע״ז ד׳ ע״א) זאגט אז בלעם האט געוואלט שעלטן די אידן אין די איין רגע וואס השי״ת צערנט, זאגענדיג דאס ווארט **כלם**, און דער אייבערשטער האט איבערגעדרייט די קללה לברכה אויסדרייענדיג דאס ווארט **כלם** צו **מלך**, ווי עס שטייט אין פסוק **ותרועת מלך בו.**

ד) דער הייליגער **נועם אלימלך** (פר׳ נח) טייטשט **צהר תעשה לתיבה**, אז דער צדיק קען מאכן פון די ווארט **צרה** דאס ווארט **צהר** אז אנשטאט די צרה זאל זיין לעכטיג.

ה) דער **עבודת ישראל** (אבות פ״ג) זאגט אז שלחן עורך, מיינט אז ווען מ׳עסט דארף מען זעהן אז דער **שלחן** זאל בלייבן כסדרן, ווייל אז מ׳עסט נישט בקדושה ווערט שלחן איבערגעדרייט אויף **לנחש**, ווייל ס׳גייט פאר די סט״א ר״ל.

ו) דער **קאזניצער מגיד זי״ע** טייטשט דעם פסוק **הנה עין ה׳ אל יראיו למיחלים לחסדו להציל ממות נפשם ולחיותם ברעב.** ווייל די גמרא (תענית דף ח׳ ע״ב) דערציילט אז בימי רשב״נ איז געווען א הונגער און א מגיפה, און די חכמים האבן נישט געוואוסט אויף וועלכע צו בעטן, האט ער געהייסן אז מ׳זאל בעטן אויף פרנסה, און דער אייבערשטער וואס גיט פרנסה גיט דאס שוין פאר לעבעדיגע מענטשן, וועט שוין זיין ביידע. ווי אזוי? זאגט דער **קאזניצער מגיד** ווייל ווען אידן דארפן פרנסה און לעבן, קענען די צדיקים מאכן אז השי״ת זאל נעמען די ע׳ פון רעב און דאס אריין לייגן צווישן די אותיות פון מות און ס׳ווערט מעות רב, ממילא איז שוין דא ביידע ישועות סיי פון לעבן סיי פון פרנסה. דאס זאגט דער פסוק **הנה עי״ן ה׳ אל יראיו**, די צדיקים מאכן דעם אייבערשטן נעמען דעם עי״ן וואס דאס העלפט אויף ביידע סיי **להציל ממות נפשם** ווייל פון מות ווערט מעות און אויטאמאטיש **ולחיותם ברעב** גייט שוין אוועק די הונגער.

ז) **כ״ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק״ל** (ברך משה פר׳ בשלח) טייטשט די מכילתא דברי תורה שנתתי לכם רפואה הוא, ווייל די תורה ווערט אנגערופן **לחם** כמ״ש לכו לחמי בלחמי, און דורך די תורה ווערט איבערגעדרייט פון **מחלה** אויף **הלחם**.

ח) **דער רבי בעל דברי יואל זי״ע** (דבר״י שמח״ת ע׳ תרנ״ב) ברענגט בשם דעם **ייטב לב** אז אויב איז געווען ח״ו אנגעשריבן אויף א איד ביי די ימי הדין אז ער איז חייב, קען מען דאס מהפך זיין ביי די ריקודין שמחת תורה, ווייל די אותיות פון **חייב** ווערן נתהפך צו **יחב״י**, וואס דאס איז **ר״ת י׳עלזו ח׳סידים ב׳כבוד י׳רננו.**

ט) דער **מאור ושמש** (פר׳ פנחס) טייטשט די ווערטער **השיב את חמתי**, אז פנחס האט משנה געווען די אותיות פון **חמתי**, אויף **חתמי**, ד.ה. ער האט ארויפגעלייגט דעם חותם פון השי״ת אויף כלל ישראל.

י) דער **תפארת שלמה** (פר׳ תשא) טייטשט דעם פסוק וגם את המת יחצון אז צדקה תציל ממות, ווייל ווען מ׳גיט א מחה״ש נעמט מען די חצי שקל און מ׳לייגט דאס אריין אין די אותיות מת און עס ווערט מחצית, דאס איז דער פשט וחצי את כספו מ׳וועט געבן א מחה״ש, וועט זיין וגם את המת יחצון וועט די מיתה צוטיילט ווערן און מ׳וועט ניצול ווערן ממות.

יא) נאך טייטשט דער **תפארת שלמה**, אז אויך דער כח התורה איז מציל ממות, נעמט מען דעם אור **התורה**, און מ׳לייגט דאס אריין אין די אותיות **מות** ווערט דאס **מאורות**.